ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# ראה

אידיש

**547**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# ששה וארבעים

## • ראה •

אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן, ווי דער גאַנצער באַשאַף, פון אויבן און פון אונטן, זענען מרומז אין דעם מענטש.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

# אינהאַלט

## פון זעקס און פערציגסטער פרק

א. דער מענטש זאָל זען זיין מעלה און חשיבות פאַר השם יתברך, אַז ער האָט אין אים אַריינגעלייגט אַלץ וואָס איז פאַרהאַן אויבן און אונטן און אַלע באַשעפענישן, און זאָל שטאַרקן זיין האַרץ צו תשובה – פון ספר ״ארחות חיים״.............ג
ב. דער מענטש זאָל זיך פרייען ביים טאָן די מצוות.......ה

# פרק ששה וארבעים

**א. ישמע האדם,** דער מענטש זאָל הערן און דער קלוגער זאָל פאַרשטיין, די מעלה פון דעם מענטש, און זיין חשיבות, אַז אין דעם געשטאַלט פון דעם מענטש האָט השם יתברך אַריינגעלייגט אַלע באַשעפענישן, די אויבערשטע און די אונטערשטע. דעריבער, ווי אַזוי קען די האַרץ פון דעם מענטשן גלוסטן צו זינדיגן פאַר דעם באַשעפער, און דורך דעם גורם זיין אַ חורבן אין דעם גאַנצן באַשאַף.

**דער מענטש זאָל זען זיין מעלה און חשיבות פאַר השם יתברך, אַז ער האָט אין אים אַריינגעלייגט אַלץ וואָס איז פאַרהאַן אויבן און אונטן און אַלע באַשעפענישן, און זאָל שטאַרקן זיין האַרץ צו תשובה - פון ספר "ארחות חיים".**

**ב. כתב,** דער ספר **"ארחות חיים"** שרייבט, אַז אַזוי ווי דער מענטש איז גלייך אויף אַ קליין ביסן צום אויבערשטן, אַזוי איז זיין געבוי גלייך צו די גאַנצע וועלט. השם יתברך האָט אים אַרויפגעשטעלט אַ קאָפּ, וואָס איז געגליכן צום הימל, וואָס געפינט זיך איבער אונז. דער אייבערשטער באַלקין פון מויל, וואָס אין אים זיינען געפלאַנצט די ציין, און די קין באַקן, דאָס איז גלייך צו דעם געשטאַלט פון דעם דאָזיגן הימל וואָס איז איבער אונז. און אַזוי ווי השם יתברך האָט געמאַכט רוען זיין הייליגע שכינה, אין די אייבערשטע הימלען וואָס ער האָט זיי געמאַכט אַ הימל איבער די וואַסער, אַזוי אויך האָט ער אָנגעגרייט די נשמה פון דעם מענטשן, און דעם שכל און דאָס פאַרשטאַנד אין דעם הויט פון מוח פון קאָפּ וואָס ער דעקט צו איבער דער ליחה פון מוח.

**ג. וראה,** און זע און פאַרשטיי דעם אמת, ווייל אַז די הויט פון מוח זאָל צעריסן ווערן, אָדער ער זאָל געלעכערט ווערן, וואָלט

דער מענטש גלייך געשטאָרבן, דאָס איז ווייל דאָרט רוט די נשמה. און אַזוי ווי השם יתברך האָט באַשאַפן דעם גוף דורך דעם כח פון דעם רוח חיים, וואָט ער האָט אים אַריינגעגעבן, און אויב אין דעם רוח החיים ווערט אַריינגעמישט אַן אַנדער רוח רע, קען דער גוף קיין קיום נישט האָבן.

**ד. וכמו,** און פונקט ווי השם יתברך האָט געגעבן אין דעם הימל צוויי ליכט און פינף גרויסע שטערן, אַזוי האָט ער אויך באַשאַפן אין דעם מענשטנ׳ס קאָפּ זיבן באַדינערס, צוויי אויגן, צוויי אויערן, צוויי נאָזלעכער און דאָס מויל. דאָס זעלבע איז אויך מיט יעדער זאַך פון דעם מענטשן, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן לויט׳ן מוסטער פון דער וועלט, און דעריבער ווערט דער מענטש אָנגערופן "אַ קליינע וועלט". און וויבאַלד אַז דער גוף פון דעם מענטשן איז געבויט אַזוי ווי די אייבערשטע און די אונטערשטע וועלט, דעריבער איז אין אים אַריינגעגעבן געוואָרן די נשמה, וועלכע איז טיילוויז גלייך צו השם יתברך. און פונקט ווי די נשמה פילט אָן דעם גאַנצן גוף, און זי לעבט איבער דעם גוף, און ליידט-מיט מיטן גוף, און זי איז אַליין אין דעם גוף, און זי איז ריין, און זי זעט און ווערט נישט געזען, און זי שלאָפט נישט, אַזוי אויך השם יתברך פילט אָן זיין וועלט, און לעבט איבער אַלעמען, און פאַר אים איז נישטאָ קיין שלאָף, און ער איז אַ איינציגער, אַ גבור, אַ טהור, ער זעט אַלץ און קיינער זעט אים נישט, דעריבער, זאָל קומען די נשמה וואָס זי האָט אין זיך די דאָזיגע אַלע מדות, און זאָל לויבן השם יתברך, וואָס אין אים איז פאַרהאַן די דאָזיגע אַלע מדות.

**לכן,** דעריבער מוז דער מענטש אַליין פאַרשטיין, וואו זיין שורש איז, און אַז השם יתברך האָט אַריינגעבלאָזן אין אים זיין לעבעדיקן אָטעם, און איז געבויט פון ביינער, אָדערן, בלוט, מוח, הויט און פלייש, און ווי זיינע נאָזלעכער זענען געלעכערט צום האַלדז, ער זאָל קענען אָטעמען און שמעקן, און די אויערן זאָלן קענען הערן, און די

אויגן ער זאָל קענען זען, וואָס אין זיי זיינען פאַרהאַן פאַרשידענע קאָלירן, און די ברעמען פון די אויגן, און דאָס מויל, און דער האַלדז, און דער גומען, און די צונג, און די ליפּן ער זאָל קענען עפענען און פאַרמאַכן דאָס מויל, און די קין באַקן און די פינגער מיט זיינע גלידער און זייערע נעגיל. און ער זאָל זיך אַריינטראַכטן ווי איין זאַך איז נישט גלייך צום צווייטן. אויך זאָל ער זיך באַטראַכטן אַז ער איז געווען ניין חדשים אין זיין מוטער׳ס בויך, און איז אַרויסגעגאַנגען נאַקעט, בלינד, טויב און הינקעדיג.

**ה. כל,** אין דעם אַלעם זאָל זיך דער מענטש אַריינטראַכטן, און זאָל זאָגן צו זיך אַליין, ווער האָט געעפנט דיין מויל, דיינע אויגן, דיינע אויערן, און ווער האָט דיר געגעבן די אַלע פאַרגעניגנס פון דעם גוף. ווער האָט אין דיין יוגנט שוואַרץ געמאַכט די האָר, און אַז עס קומט אויף דער עלטער ווערן זיי אַליין ווייס, און נאָך פיל אַזעלכע חידושים און וואונדער זאָלסטו טראַכטן. און אַז דו וועסט אַזוי טאָן וועסטו זיין אַ עָניו, אַ שפל און אַ ירא שמים.

## דער מענטש זאָל זיך פרייען ביים טאָן די מצוות

**ו. היוצא,** די מוסר וואָס דער מענטש נעמט דערפון אַרויס, ער זאָל זיך פרייען ביים טאָן אַ מצוה, ווייל, דורך דעם וואָס ער טוט די מצוה גלייכט ער זיך צו זיין באַשעפער, און דאָס וואָס ער טוט די מצוה זאָל ער אָננעמען פאַר שכר,

**ז. דמה,** ווייל, וואו איז דען פאַרהאַן אַ גרעסערער שכר דערפון אַז דורך דעם גלייכט ער זיך כביכול צו זיין באַשעפער. ווי די חכמים ז״ל זאָגן, אַז השם יתברך איז פריער אַליין מקיים די מצוות, און דאָס איז מרומז אין דער תורה. ווייל אין פרשת ראה שטייט **״את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה׳ אלהיכם״**, און די ברכה איז דאָס, אַז איר וועט זוכה זיין צו הערן צו די מצוות פון השם יתברך, און

עס איז נישטאָ קיין גרעסערער שכר פון דעם וואָס ער איז זוכה מקיים צו זיין די מצוות, ער זאָל זיך גלייכן כביכול צו דעם באַשעפער.

**ח. וכן,** און אַזוי אויך איז דער חסיד ר׳ יוסף יעב״ץ מפרש אין דער משנה **״שכר מצוה מצוה״**, דאָס הייסט, דער שכר פון דער מצוה איז דאָס גופא וואָס ער האָט זוכה געווען צו טאָן די מצוה, און האָט געטאָן דעם ווילן פון השם יתברך.

❀ ❀ ❀